נקיות אין עצה'ן יענעם בלויז לטובתו | דוגמא: ער רעדט אים צו צום שידוך ווייל פאר אים קומט עס אויס גוט | פאר יענעם איז עס נישט גוט | יענער וואלט געקענט באקומען בעסער'ס | אן ערליכער איד זאגט דעם אמת | ער דערלייגט גארנישט | דוגמא: ער רעדט איבער דעם גוטן בחור צו בלייבן אין דער ישיבה | ער בויעט פאלשע היתרים | אויב מען לערנט נישט קיין מוסר פארפעלט מען די יסודות פון 'ישרות' | א 'נקי' מיינט, איינער וואס לערנט מוסר און האלט קאפ אויף זיינע מעשים

### ג. עצת זקנים: די טיפע עצות פון צדיקים פארמאגן טיפע כוחות

צדיקים ברענגען אראפ עצות פון גאר הויכע פלעצער | עס קומט זיי אָן זייער שווער | דאס זענען שרשים פארן תיקון פונעם מענטש | אסאך מאל איז דאס גאר מאדנע עצות | מען דארף האבן אמונה פשוטה און פאלגן | טאמער מען פאלגט איז מען מצליח שלא כדרך הטבע | גדולי תורה גייען אריין טיף אינעם נפש און זוכן אויף די ריכטיגע עצה | דעת תורה איז היפוך דעת בעל הבית | עס ליגט א געוואלדיגע גדלות אין זייערע עצות | א מענטש דארף זיך מכניע זיין און פרעגן אן עצה פון א גרויסן מענטש | דעמאלט פירט ער זיין לעבן תורה'דיג

א.

## עוצו עצה: דאס אחריות וואס עס ליגט אין געבן עצות

**וויאזוי גיבט מען יענעם אן עצה?!**

דער מסילת ישרים דא אין פרק י"א רעכנט אויס צווישן די עבירות וואס מענטשן ווערן אסאך מאל נכשל - אָן וויסן אפילו אז זיי האבן עפעס עובר געווען - איז דער ענין פון "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל" - נישט צו געבן פאר יענעם א שלעכטע עצה. וואס **זייער אסאך מענטשן זענען זייער צומישט אין דעם און ווייסן בכלל נישט די גדרים דערפון.** דעריבער קומט דער מסילת ישרים און שטעלט אוועק דעם יסוד זייער קלאר, כדי אז דער וואס ארבעט אויף 'מדת הנקיות' זאל קענען זיין ריין דערין.

**אוועקלייגן אלע זייטיגע חשבונות אין א זייט**

דער גדר וואס דער מסילת ישרים זאגט איז: בשעת ווען דו גיבסט יענעם אן עצה, זאלסטו אוועקלייגן אלע חשבונות אין דער זייט, און טראכטן בלויז איין זאך: "וואס וועט זיין די בעסטע פאר דעם מענטש? דורך וועלכער צד וועט ארויסקומען די גרעסטע און שלימות'דיגע טובה פאר יענעם?", און דערנאך, נאכן שוקל זיין אלע צדדים - ווען מען טרעפט דעם ענטפער צו דער שאלה און מען זעט אז דער געוויסער צד איז בעסער פאר יענעם - ענטפערט מען יענעם קורץ און שארף וואס מען האלט אז ער זאל טון. דאס הייסט, אז מען טאר דעמאלט נישט טראכטן פון קיינעם ארום, צי עס וועט זיין א טובה פאר זיינע עלטערן אדער משפחה, צי עס וועט זיין א טובה פארן ציבור צי פארן יחיד, צי עס וועט זיין א טובה פאר די מוסדות צי פארן בית המדרש וכדומה, מען טאר נישט קוקן אויף קיין שום זאך - נאר בלויז די טובה פון דעם מענטש וועלכער האט געפרעגט די עצה! און **טאמער מען האט אויך אינזין עפעס א זייטיגע כונה - צי די אייגענע טובה צי די טובה פונעם ציבור - איז עס שוין נישט ריין פונעם 'וְלִפְנֵי עִוֵּר'**. ווייל אז יענער טרויעט דיר און גיבט זיך איבער אין דיינע הענט אז דו זאלסט אים געבן אן עצה, מוזטו זיין פארלעסליך און געטריי, און קוקן בלויז אויף יענעם'ס וואוילזיין!

**לייג זיך אינגאנצן אריין אין יענעמ'ס מצב**

כדי צו געבן א גוטע עצה פאר יענעם, דארף מען קוקן אויף דער גאנצער בילד, פון אלע זייטן, צייטן און מצבים. למשל כלפי צייט: דארף מען אנקוקן דעם נושא מיט א ווייטן בליק - און נישט בלויז טראכטן פון דעם איצטיגן מצב און טערמין, ווייל אסאך מאל קען זיין אז אויף מארגן לוינט זיך טאקע צו נעמען א געוויסער מהלך, אבער ווען מען קוקט אויף וואס עס וועט ארויסקומען פון דעם אין א שפעטערדיגע צייט - זעט מען אז עס לוינט זיך ענדערש צו נעמען דעם אנדערן מהלך. אבער עס איז זייער שווער פאר א מענטש אויפצוכאפן אלע פרטים און צדדים פון א זאך וועלכע איז אים נישט נוגע. דערפאר זאגט דער מסילת ישרים אן עצה צו פארזיכערן אז מען גיבט טאקע יענעם די ריכטיגע עצה: **מען זאל זיך פאָרשטעלן ווי גלייך עס איז אים אליינס נוגע! ער זאל זיך אריינלייגן אין יענעמ'ס שיך**; ווי למשל - טאמער יענער פרעגט אין וועלכע ישיבה צו שיקן זיין זון - זאל ער זיך פאָרשטעלן: "איך האב אויך ממש אזא סארט בחור אין דעם זעלבן יארגאנג וועלכער נויטיגט זיך אין א ישיבה און איך האב געזוי דעם זעלבן ספק וואס צו טון!", און דעמאלט וועט דער מענטש קענען אריינקוקן אין אלע צדדים מיטן פולסטן ערנסטקייט און אים געבן די ריכטיגע עצה וואס עס וועט אים זיין א טובה ביזן סוף.

**חייך קודמין - דו ביסט נישט מחוייב זיך אליינס צו שיסן אין די פוס**

דער מסילת ישרים פירט אויס, אז טאמער זעט ער אז דורכן געבן יענעם א ריכטיגע עצה וועט ארויסקומען א שלעכטס פאר זיך אליינס, אויף אזא אופן זאל ער אים בכלל נישט געבן קיין עצה אין דעם ענין, נאר ער זאל זיך ארויסדרייען פון אים. ווייל טאמער ער שפירט אז ער וועט האבן שאדן דערפון, איז ער נישט מחויב צו געבן אן עצה. אבער חס ושלום יענעם צו זאגן א האלבע ווארט צו טון כך וכך - כדי עס זאל זיך אים לוינען - און אינ'אמת'ן איז עס נישט קיין ריכטיגע טובה פאר יענעם, ווייל דאס איז דער ריכטיגער 'וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל'.

**פארשטיין דעם גרויסן ערנסטקייט פון געבן פאר יענעם אן עצה**

איידער מען גייט אריין אין דער נקודה וואס דער מסילת ישרים רעדט דא, צו מיינען בלויז יענעמ'ס טובה - איז פארהאן א 'תנאי קודם למעשה' וועלכע פאדערט זיך צו קענען געבן יענעם אן עצה, דאס איז דער אלגעמיינער בליק אויפן ענין פון עצות. ווייל כדי אז א מענטש זאל קענען ריכטיג אריינטראכטן און שוקל זיין אלע צדדים, מוז דער גאנצער צוגאנג צו 'עצות' - זיין מיט אן ערנסטקייט און אחריות, ער מוז פארשטיין אז דאס איז נישט קיין שפיל, דאס איז זייער א גורל'דיגע זאך און עס קען האבן א ווייטגרייכנדע השפעה. און

פרק י"א

בְּעִנְיַן נְתִינַת הָעֵצָה, שֶׁשָּׁנִינוּ בְּתוֹרַת כֹּהֲנִים (ויקרא יט), "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל" - לִפְנֵי סוּמָא בַּדָּבָר... וְכַמָּה נִכְשָׁלִים בְּנֵי הָאָדָם בְּאֵלֶּה הַחֲטָאִים יוֹם יוֹם, בִּהְיוֹתָם קְרוּאִים וְהוֹלְכִים לְתֹקֶף חֶמְדַּת הַבֶּצַע. וּכְבָר הִתְבָּאֵר גֹּדֶל עָנְשָׁהּ בַּכָּתוּב (דברים כז), "אָרוּר מַשְׁגֶּה עִוֵּר בַּדָּרֶךְ"

**נקודות:**

טאמער מען האט אויך אינזין עפעס א זייטיגע כונה – צי די אייגענע טובה צי די טובה פונעם ציבור – איז עס שוין נישט קיין ריינקייט אינעם 'וְלִפְנֵי עִוֵּר'. ווייל אז יענער פארטרויעט דיר אז דו זאלסט אים געבן אן עצה, מוזטו זיין פארלעסליך און געטריי, און קוקן בלויז אויף יענעם'ס וואוילזיין

**נקודות:**

אויבנאויף זעט אויס פאר א מענטש, אז ער איז ריין פון דעם, ער וועט קיינמאל נישט ארײנרוקן יענעם מיט א שלעכטע עצה. אבער אינ'אמת'ן ווען מען וועט זיך אביסל מתבונן זיין אין דער איידלקייט פון דעם, וועט מען זען אז מען קען זייער שנעל נכשל ווערן דערין. נישט אומזיסט האבן חז"ל מתקן געווען צו קלאפן יעדן טאג 'יעצנו רע'

~

אויב מען לערנט נישט קיין מוסר ספרים, ווערט מען נכשל! אויב אידישקייט פארט פון זיך אליינס 'מצות אנשים מלומדה' – פעלט די יסודות פון אידישקייט! מען האט נישט די יסודות פון 'ישרות' וואס די תורה שטעלט אוועק! און מען ווערט נכשל רעכטס און לינקס מיט 'איסורי דאורייתא'

**איינמאל א מענטש נעמט עס מיט אן ערנסטקייט - וועקן זיך אויף זיינע אלע כוחות המחשבה און שיקול הדעת, צו ארײנטראכטן אין דעם מיטן גאנצן היקף און גוט צענעמען אלע צדדים.**

### אן עצה קען האבן אן השפעה אויף יענעמ'ס גאנצע לעבן

מען וועט פרובירן מסביר צו זיין פארוואס מען דארף נעמען דעם ענין פון געבן אן עצה אזוי ערנסט. מען זאל ארײנטראכטן: "א מענטש קומט און פרעגט מיר אן עצה. וואס ווייסט דען א מענטש וואס עס איז גוט?! **אזויפיל זאכן וואס זעען אויס במושכל ראשון זייער גוט, און שפעטער שטעלט זיך ארויס וואספארא חורבן דאס איז געווען!** קען מען דען וויסן פון אויבנאויף וואס איז גוט און וואס איז שלעכט? שלמה המלך זאגט דאך אין משלי (יד, יב): "**יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת**" - א מענטש מיינט אז דאס איז דער 'דרך הישר' אין לעבן, און שפעטער זעט ער אז דאס איז געווען זיין ערגסטער באשלוס אין לעבן! יענער וויל דאך וויסן וועלכער וועג וועט אים ברענגען אן אייביגע הצלחה, נו, דאס איז דאך זייער שווער צו וויסן! מען דארף דאך גאר גוט דורכטראכטן אלע צדדים און ארויסהאבן די זאך הונדערט פראצענט!".

### א קרומע עצה איז אמאל ערגער ווי א קרומער פסק

א שלעכטע עצה קען אסאך מאל זיין פיל מער שעדליך און מסוכן'דיג ווי א טעות אין פסק. ווייל טאמער א דיין מאכט א טעות אין פסק, ער האט צופיל מחמיר געווען אויף יענעם אדער צופיל מקיל געווען, איז עס אן איינמאליגע פרטיות'דיגע זאך. עס איז טאקע זייער א הארבע זאך וואס ער דארף תשובה טון דערויף, אבער דא ענדיגט זיך עס. ווידעראום, **א טעות אין אן עצה, קען אסאך מאל האבן א השפעה אויף יענעמ'ס גאנצע לעבן!** לדוגמא: א מענטש פרעגט איינעם אן עצה אין וועלכע ישיבה ער זאל שיקן זיין בחור - אין דער ישיבה אדער אין דער אנדערער ישיבה?! דארף דער מייעץ פארשטיין, אז ער איז יעצט דן אויפן גאנצן עתיד פון דעם בחור! ווייל טאמער די ישיבה וועט נישט טויגן פאר אים, וועט דער בחור נישט געהעריג אויסשטייגן, און צוליב דעם וועט ער טון א שוואכערן שידוך, ער וועט זיך אוועקשטעלן שוואכער אין לעבן, זיינע קינדער וועט ער געבן א שוואכערן חינוך און אזוי ווייטער - אלעס צוליב די נישט פאסיגע ישיבה וואו ער האט געלערנט אלס בחור, און אין דער אנדערער ישיבה - וועלכע טויג מער פאר דעם בחור - וואלט ער געהאט א גרעסערן תועלת פאר זיין גאנצן לעבן.

### א שידוך האט אן השפעה אויף יענעמ'ס גאנצע מציאות

נאך א דוגמא - וועלכע איז שטארק שכיח: א מענטש פרעגט איינעם אן עצה איבער א געוויסן שידוך וואס מען טראגט אים אָן, צי ער זאל עס טון אדער נישט. איז דאך פשוט אז דער מייעץ דארף פארשטיין אז יענעמ'ס גאנצער עתיד איז תלוי אין דעם, אזויפיל זאכן קענען דא שפילן א ראלע אין יענעמ'ס גאנצע לעבן, זיין בני בית, די משפחה וואו ער וועט ארײנקומען, די שטאט וואו ער וועט וואוינען, די געלט שטיצע פון זיין שווער, וכדומה אָן א שיעור זאכן, וואס עס איז אן אחריות צו ענטפערן 'יא'. און פון דער אנדערער זייט, איז פונקט אזוי אן אחריות צו ענטפערן 'ניין', ווייל אפשר איז דער שידוך דאס בעסטע וואס ער קען באקומען און עס וועט זיך נישט מאכן נאכאמאל אזא געלעגנהייט און ער וועט לכבוד דעם מוזן טון א שוואכערן שידוך.

### אפילו אן עצה אין ביזנעס איז נישט קיין קלייניקייט

א דריטע דוגמא: א מענטש פרעגט איינעם איבער א געוויסע ביזנעס, צי ער זאל ארײנגיין אין דעם אדער נישט, צי ער זאל טון דעם געוויסן געשעפט אדער נישט. דארף דער מייעץ ארײנטראכטן וואס עס קען אלץ נשתלשל ווערן פון א נישט קיין גוטן געשעפט, אמאל קען יענעמ'ס גאנצע ביזנעס חרוב ווערן און ער וועט בלייבן א בעל חוב א גאנצן לעבן, עס וועט אים שאדטן בגשמיות און ברוחניות, אזוי אויך פארקערט, קען זיין אז דורך דעם געשעפט וועט ער אויפגעראכטן ווערן אויפן לעבן. דאס איז אלעס גשמיות'דיגע דוגמאות, און ווער רעדט נאך טאמער איינער פרעגט אן עצה אין עבודת ה', צי ער זאל גיין מיט דעם מהלך אדער מיט דעם מהלך, צי ער זאל עוסק זיין אין דער עבודה אדער אין יענע עבודה - איז דאך זיכער אז דער מייעץ דארף דאס נעמען זייער ערנסט. ווייל **דאס קען דאך זיכער האבן דירעקטע תוצאות אויף יענעמ'ס גאנצע הצלחה אין עבודת ה' לטב ולמוטב.**

### די בעסטע עצה פאר סייעתא דשמיא - נעם עס מיט אן ערנסטקייט

ווען א מענטש כאפט וואספארא אחריות עס איז צו געבן אן עצה פאר א איד, הייבט ער אָן צו פארשטיין אז מען מוז האבן ממש סייעתא דשמיא דערין. נישט אומזיסט האבן חז"ל אוועקגעשטעלט א באזונדערע תפלה פון "ותקננו בעצה טובה מלפניך", ווייל עס איז נישט קיין פשוט'ע זאך. און געווענליך הייבט א מענטש באלד אָן צו זוכן סגולות פאר סייעתא דשמיא, אבער ער דארף וויסן, אז **די ערשטע סגולה פאר סייעתא דשמיא, איז טאקע 'הא גופא', דאס אנצונעמען ערנסט! צו האבן אן אמת'ן און ערנסטן רצון צו העלפן א צווייטן איד** מיט א ריכטיגע עצה פאר זיין טובה! אט דאס וואס ער האט אויפגעכאפט די ערנסטקייט וויאזוי מען דארף צוגיין צו געבן אן עצה פאר א איד - דאס וועט אים זיין די גרעסטע סגולה אויף סייעתא דשמיא! זעלבסט פארשטענדליך אז ווען א מענטש נעמט ערנסט דעם ענין פון עצה - איז ער מתפלל דערויף מיט א לב נשבר! און איינמאל מען האט מתפלל געווען דערויף מעומק הלב, דארף מען האבן בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן און צושיקן די ריכטיגע עצה.

### נישט געענטפערט בעפאר ער האט מתפלל געווען

מען פארציילט א מעשה אויף איינעם פון די 'בעלי מוסר', אז א תלמיד האט אים אמאל געפרעגט אן עצה, האט אים דער רבי געזאגט: "קום צוריק מארגן אינדערפרי!". אויפצומארגנס ווען ער איז געקומען און גענומען דעם רבי'נס עצה, האט דער תלמיד געפרעגט: "פארוואס האט דאס מיר דער רבי נישט געקענט נעכטן ענטפערן?!". האט ער אים געענטפערט: "**איך האב געוואלט קודם דאווענען א 'מעריב' און ערנסט בעטן 'ותקננו בעצה טובה מלפניך', אז איך זאל דיר קענען געבן די ריכטיגע עצה!**". דאס איז די ערשטע זאך - נאך איידער מען ארבעט צו מיינען ריין יענעמ'ס טובה - קודם כל דאס צו נעמען זייער ערנסט.

ב.

# יעצנו רע: ווי לייכט קען מען ארײנפאלן אין 'לפני עור'

### על אמרך לא חטאתי - מען מיינט אז מען איז ריין פון נגיעות

נאכדעם וואס א מענטש קוקט אויפן ענין פון 'עצה' מיט אן ערנסטקייט, דארף ער ארבעטן אויפן ענין וואס דער מסילת ישרים רעדט ארום, אז ער זאל אוועקנעמען אלע זיינע נגיעות, און געבן יענעם א גוטע עצה וואס איז אמת'דיג יענעמ'ס טובה. אויבנאויף זעט אויס פאר א מענטש, אז ער איז ריין פון דעם, ער וועט קיינמאל נישט ארײנרוקן יענעם מיט א שלעכטע עצה. אבער אינ'אמת'ן ווען מען וועט זיך אביסל מתבונן זיין אין דער איידלקייט פון דעם, וועט מען זען אז מען קען זייער שנעל נכשל ווערן דערין. נישט אומזיסט האבן חז"ל מתקן געווען צו קלאפן יעדן טאג 'יעצנו רע' - מען האט געגעבן יענעם א שלעכטע עצה, ווייל עס איז זייער מצוי דורכצופאלן מיט דעם.

### מחשבות בעצה - צורעדן צו א שידוך וואס איז נישט יענעמ'ס טובה

מען וועט אנכאפן א משל: א רב אין א בית המדרש באקומט א טעלעפאן קאלל פון איינע פון די אנגעזעענע מתפללים ביי אים אין בית המדרש. יענער האט אין זיין קאפ אזא קלארקייט: "איך בין דעם רב'ס א מענטש, דער רב דארף מיר שטיין צו דער האנט ווען אימער איך דארף האבן עפעס א רבנ'ישע סערוויס!". און היות אז דער רב איז דאך א 'בעל השפעה', ער האט דאך אן איינפלוס אויף מענטשן - קלינגט ער אָן דעם רב: "מען רעדט מיר יעצט א שידוך דעם און דעם בחור, און איך וויל דעם שידוך גאר שטארק. דעריבער וויל איך בעטן דעם רב, צו רעדן צום טאטן פון דעם בחור - וועלכער איז אויך אן אנהענגער פונעם רב - און אים צורעדן צו טון

**פרק י"א**

אַךְ זֹאת הִיא חוֹבַת הָאָדָם הַיָּשָׁר, כַּאֲשֶׁר יָבוֹא אִישׁ לְהִתְיָעֵץ בּוֹ יְיָעֲצֵהוּ הָעֵצָה שֶׁהָיָה הוּא נוֹטֵל לְעַצְמוֹ מַמָּשׁ, מִבְּלִי שֶׁיַּשְׁקִיף בָּהּ אֶלָּא לְטוֹבָתוֹ שֶׁל הַמִּתְיָעֵץ, לֹא לְשׁוּם תַּכְלִית אַחֵר

דעם שידוך!". טאמער דער רב האט נישט בכלל ארײנגעקלערט צי דאס איז דער טובה פונעם בחור אדער נישט, האט ער נישט קיין שום פראבלעם דערמיט, פארקערט, ער האלט נאך אז ער האט א מצוה פון גמילת חסד - אז ער העלפט ארויס א איד צו שטאנד צו ברענגען א שידוך. ער הייבט אויף א טעלעפאן און זאגט יענעם אן עצה זיך צו משדך זיין מיט דעם איד. עס איז דאך א הימל געשריי: ווי קענסטו זאגן אן עצה - אין דער צייט וואס דו ווייסט בכלל נישט צי דאס איז טאקע א טובה פאר דעם בחור אדער נישט?! אפשר איז דער צוזאמשטעל אינגאנצן נישט פאסיג פאר אים - מצד די משפחה אדער מצד דעם קרן?! און **אפילו אויב עס וועט זיך ארויסשטעלן אז עס איז נישט אזוי שלעכט, אבער אפשר קען אזא פיינער בחור באקומען עפעס בעסערס?! קומט דאך אויס אז דו האסט יענעם געגעבן א שלעכטע עצה!** דו האסט בכלל נישט געמיינט 'לטובתו'! ווען דו מיינסט בלויז זיין טובה, וואלסטו נישט

אזוי שנעל אויפגעהויבן א טעלעפאן און געגעבן יענעם אן עצה צו טון דעם שידוך!

### דורכגעפאלן מיט א דאורייתא'דיגן 'וְלִפְנֵי עִוֵּר'

אין נאך ערגער איז ווען מען ווייסט מיט א קלארקייט אז יענער קען טון א בעסערן שידוך - און דאך רעדט מען אים צו דערצו! ער ווייסט קלאר אז ווען עס וואלט געווען זיין אייגענעם זון, וואלט ער אים זיכער נישט צוגערעדט צו דעם שידוך! נאר וואס?! ער שפירט אז דאס איז זיין 'דזשאב'... ער דארף צופרידן שטעלן זיינע קליענטן... דעריבער בויעט ער זיך אויס אן הוראת היתר. אינ'אמת'ן איז נישטא קיין שום היתר דערויף! ווען מען גיבט אן עצה פאר א מענטש מעג מען נאר אינזין האבן יענעמ'ס טובה! דו טארסט נישט האבן קיין שום זייטיגע כונה! **דער 'גמילות חסד' וואס דו טוסט דא מיטן איד וואס בעט דיר די טובה - איז קעגן די תורה! די תורה זאגט אז ווען דו גיבסט אן עצה דארפסטו אינזין האבן בלויז וועמען דו ביסט מייעץ!** דו נוצט אויס דעם תמימות פון דעם בחור'ל וועלכער פאלגט דיר מיט בלינדע אויגן, פאר די אינטערעסן פונעם איד וואס בעט דיר א טובה! דאס איז א מורא'דיגע עולה! דאס איז אן איסור גמור פון 'וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל' און מען טאר נישט נכשל ווערן אין דעם! און טאמער דער בחור'ל אדער זיין טאטע וועט אליינס קומען פרעגן צי ער זאל טון דעם שידוך וואס מען רעדט אים מיט דעם בעל הבית, זאלסטו דעמאלט דורכטון מיט אן אמת, צי עס איז דעם בחור'ס טובה אדער נישט, און טאמער דו איבערצייגסט זיך, אז עס איז נישט אינגאנצן לטובתו - טארסטו אים נישט צו רעדן דערצו! אויב דו ווילסט כאטש נישט טון קעגן די אינטערעסן פון דיינ'ס א נאנטן מענטש, מעגסטו טון ווי דער מסילת ישרים זאגט: דריי זיך ארויס! גיב אים בכלל נישט קיין עצה!

### אין אדם שומע לי ומפסיד - ער ווערט רעספעקטירט ביי אלעמען

אן אמת'ער ערליכער איד למהדרין - גייט נאך ווייטער, נישט נאר ער עצה'ט אים נישט צו טון דעם שידוך, נאר ער זאגט גאר פארן בחור דעם ריינעם אמת: "דער שידוך איז נישט געאייגנט פאר דיר! דו קענסט טרעפן בעסער'ס!". ער זוכט זיך נישט ארויסצודרייען פון ענטפערן - צוליב חשבונות אז ער וועט פארלירן זיינס א מתפלל, ווייל אז יענער פרעגט אן עצה, איז א מצוה אים צו געבן אן עצה וואס וועט אים זיין א ריכטיגע טובה. און אינ'אמת'ן איז עס ניטאמאל דומה צום פאל וואס דער מסילת ישרים רעדט, אז יענעמ'ס טובה איז מיין שלעכטס. ווייל טאמער א רב מיינט אז מיט אזא אמת'ע הנהגה וועט ער דערלייגן, זאל ער וויסן אז עס איז פונקט פארקערט, ער וועט נאר פארדינען! ער וועט ווערן געשעצט און רעספעקטירט ביי די גאנצע קהלה! **מען וועט וויסן אז מען האט דא צו טון מיט אן ערליכן איד וואס טוט נאר וואס די תורה הייסט טון! ער וועט באקומען א נאמען פון אן 'איש אמת' וואס איז נישט נושא פנים פאר קיינעם! דאס וועט ברענגען אז יעדער איינער זאל זיך רעכענען מיט זיינס א ווארט!** אודאי איז נישט דאס די סיבה פארוואס ער דארף עס טון, אבער למעשה איז עס 'אוכל פירותיהם בעולם הזה'.

### מען טאר נישט איבעררעדן דעם גוטן בחור צו בלייבן אין דער ישיבה

א צווייטע דוגמא: אסאך מאל מאכט זיך, אז דער בעסטער בחור פון דער ישיבה וויל ארויסגיין לערנען אין אן אנדערע ישיבה. דער ראש ישיבה וויל נישט פארלירן אזא גוטער בחור, עס גיבט דאך אים אזויפיל צו אין ישיבה. דעריבער פרובירט ער צו צורעדן דעם בחור צו בלייבן אין דער ישיבה. ער זאגט אים צו גאלדענע גליקן, אז דא וועט ער האבן אסאך א בעסערן תכלית ווי אין דער אנדערער ישיבה וכדומה, אלעס כדי אים צו משכנע זיין צו פארבלייבן אין דער ישיבה. עס איז ממש א פלא: ווי האסטו א רעכט צו זאגן פאר א בחור אז ער זאל בלייבן אין דער ישיבה, אין דער צייט וואס דער תועלת פונעם בחור איז, אז ער זאל גיין אין א צווייטע ישיבה?! דו האסט נישט קיין שום רעכט שבעולם אים צו איבעררעדן! בסך הכל, מעגסטו זאגן פאר דעם בחור: "הער מיר אויס, איך בין דיר נישט מייעץ דא צו בלייבן און איך זאג נישט אז דאס איז דיין טובה, פארקערט, דיין טובה איז טאקע צו גיין אין אן אנדערע ישיבה, אבער איך וויל דיר בעטן א גמילות חסד און א טובה, אז דו זאלסט דא בלייבן פאר אונזערט וועגן! די ישיבה וועט האבן א טובה דערפון!". דאס איז נישט קיין שום פראבלעם צו זאגן, און דאס איז אויך נאר אויב די בקשה וועט נישט צווינגען דעם בחור, ער זאל נאך קענען האבן זיין אייגענעם 'שיקול הדעת' נאך אזא בקשה. אבער צו געבן אן עצה און יענעם איינרעדן אז עס איז אים בעסער צו זיין אין דער ישיבה - איז ממש אן איסור דאורייתא!

### מען נארט זיך אליינס מיט אזויגערופענע היתרים און פשט'לעך

דער יצר הרע האט נישט מורא פאר קיינעם אפילו פון אונז היימישע אידן, **ער שטעלט צו ספעציעלע היימישע יצר הרע'ס!** ווי למשל ביי דעם משל קומט אפיר אזא לומד'ישער יצר הרע, און מען זאגט פשעט'לעך; "עה, מען קען נישט ממש זאגן אז עס איז נישט 'לטובתו' פונעם בחור דא צו בלייבן! למעשה, האט דאך די ישיבה דא געוויסע מעלות מער ווי יענע ישיבה וואו ער וויל גיין! און למעשה איז דא אמאל בחורים וואס זענען מער מצליח אין א שוואכערע ישיבה, נו, אפשר איז ער פון די בחורים? און אפשר אין זכות וואס ער טוט א חסד מיט דער ישיבה, וועט דאס אים ברענגען נאך אסאך א גרעסערע הצלחה - ווי יענע ישיבה? און אפשר דארט וועט אים שאדטן געוויסע בחורים וואס לערנען דארט?", און אזוי בויעט מען א שטאק אויף א שטאק, ביז מען איז מחליט אז עס איז בכלל נישט קיין עבירה, און אזוי גיבט ער יענעם אן עצה וועלכע איז בפירוש נישט לטובתו.

### ער ווייסט אלע הלכות - אבער ער איז עובר בשאט נפש

אלעס גייט צוריק צום אלטן יסוד: אויב מען לערנט נישט קיין מוסר ספרים, ווערט מען נכשל! **אויב אידישקייט פארט פון זיך אליינס 'מצות אנשים מלומדה' - קען מען זיין א גרויסער תלמיד חכם און א 'כלי קודש', אבער עס פעלט די יסודות פון אידישקייט! מען האט נישט די יסודות פון 'ישרות' וואס די תורה שטעלט אוועק פאר א איד!** און מען ווערט נכשל רעכטס און לינקס מיט 'דאורייתא'ס' - נישט וואוסנדיג אפילו אז מען איז עובר אויף אן עבירה! פארקערט, עס איז נאך אנגעטון מיט אן 'איצטלא דרבנן' פון 'אויפטון פאר אידן און פאר אידישקייט'. דעריבער דארף מען נאך אלס בחור לערנען מוסר ספרים און אוועקשטעלן ריכטיג די השקפה, און כסדר דארף מען האבן א שיעור אין מוסר און האלטן קאפ אויף וואס מען טוט, נישטערן כסדר וואס עס איז די ריינע דעת תורה און השקפת התורה אויף יעדע זאך, און אזוי זאל מען זיך פירן.

### ג.

# עצת זקנים: די טיפע עצות פון צדיקים פארמאגן טיפע כוחות

### פון א גוטער איד באקומען א גוטע עצה

מענין לענין: עס איז זייער מומלץ אז ווען א מענטש נויטיגט זיך אין אן עצה, זאל ער גיין פרעגן א גרויסן מענטש, צי א צדיק צי א גדול בתורה.

### די הערלאַוואַניע פון צדיקים צו אראפשלעפן אן עצה פון די העכערע עולמות

ביי תלמידי בעל שם טוב איז דער ענין פון געבן עצות געווען ממש א העכערע עבודה. אין ספרים שטייט, אז 'עצות' קומט פון א הויכער מקום - פונעם זעלבן פלאץ פון וואו נבואה קומט. ווייל כדי צו קענען יענעם געבן די ריכטיגע עצה - וואס זאל אים זיין א טובה באמת לאמיתו - דארף מען האבן כמעט די מדרגה פון נבואה; ווי מען זעט אז בזמן הבית פלעגט מען פרעגן עצות פונעם אורים ותומים און פון די נביאים. ווייל צו געבן א ריכטיגע עצה וואס די עצה זאל טאקע מצליח זיין, דארף מען דערלאנגען צו גאר א הויכן מקום.

דעריבער האבן זיך טאקע צדיקים אסאך מאל זייער געמוטשעט צו געבן אן עצה פאר א איד, זיי האבן געקענט הארעווען און זיך פלאגן זייער לאנג, ביז זיי האבן עומד געווען דערויף. ווייל עס איז נישט קיין לייכטע עבודה צו געבן יענעם א ריכטיגע עצה, עס איז כמעט ווי אן ענין פון א רוח הקודש'דיגע עבודה און עס קומט נישט אָן אזוי גרינג.

### די העכערע סארט עצות הערן זיך מאדנע ביי פשוט'ע מענטשן

די סארט עצות וואס צדיקים זענען ממשיך מיט רוח הקודש, דאס זענען ממש העכערע סארט עצות. אזוי ווייט, אז אסאך מאל האבן די עצות אויסגעזען זייער מאדנע, ממש פארקערט ווי מען האט פארשטאנען מיטן לאגישן שכל. אבער וויבאלד עס איז ארויסגעקומען פונעם מויל פון א צדיק - וואס ער האט דאס אראפגעברענגט פון גאר א הויכן פלאץ - דעריבער, האט מען געזען דערביי אויסטערלישע הצלחות למעלה מדרך הטבע! **דער וואס האט געהאט אמונה אינעם צדיק און אים געפאלגט - כאטש ער האט נישט פארשטאנען וואס האט איינס מיטן צווייטן - האט ער מצליח געווען מיט א באזונדערע הצלחה, א רוח הקודש'דיגע הצלחה**; ווי עס איז באקאנט גאר אסאך אזעלכע מעשיות פון תלמידי בעש"ט.

### צו פאלגן א צדיק'ס עצות מוז מען האבן א געוואלדיגע אמונה פשוטה

דער הייליגער ראזוואדאווער רב זצ"ל האט געזאגט: "איך קען געבן אזעלכע עצות ווי דער קאזניצער מגיד, אבער וואס קומט ארויס דערפון?! אז איך גיב עצות און מענטשן פאלגן מיר נישט!". האט זיין זון דער אלטער סטיטשינער רב זצ"ל געזאגט: "דער טאטע פלעגט געבן אזעלכע מאדנע עצות, עס איז בכלל נישט געווען גרינג אים צו

>>> המשך בעמוד הבא

**נקודות:**

ביי תלמידי בעל שם טוב איז דער ענין פון געבן עצות געווען ממש א העכערע עבודה. אין ספרים שטייט, אז 'עצות' קומט פון א הויכער מקום – פונעם זעלבן פלאץ פון וואו נבואה קומט. ווייל כדי צו קענען יענעם געבן די ריכטיגע עצה – וואס זאל אים זיין א טובה באמת לאמיתו – דארף מען האבן כמעט די מדרגה פון נבואה

~

אין דער וועלט פון 'גדולים' האט מען געזען א באזונדערע יגיעה ווען מען האט זיי געפרעגט אן עצה. על פי רוב זענען זייערע עצות געווען מער מסתבר'דיג און לאגיש – דאך האבן זיי אויך גענוצט איידעלערע כוחות אויף צו געבן אן עצה

# דרכי הצדיקים

**כ"ק מרן רבינו זצוקללה"ה – יו"ד ט' חשון**
מלוקט מתוך סעודות הילולא במשך השנים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

- אחד מן הדברים שראינו תמיד אצל כ"ק מרן רבינו זי"ע היה היותו אוהבן ולבן של ישראל, ומיצר בצערן ומשתתף עמהם בכאבם, ותמיד התאמץ בכל כוחו לפעול ישועות ולהמשיך רחמים על בני ישראל. וכל אחד מחסידיו היה נושא על לוח לבו הטהור באהבה עזה הם ומשפחתם, והיה מתעניין אצל כל אחד על ענייניו וצרכיו, ואם היה אחד שרוי בצער ח"ו היה רבינו מרגיש זאת כצערו הפרטי ממש. זכורני שכאשר זכיתי לשמש אותו בביתו אחר ההתקף הלב שעבר עליו ר"ל, התבטא כי כל התרופות שהוא לוקח מחמת המחלה גוזלים ממנו את ישוב הדעת, והתחיל למנות כמה וכמה שמות של אנשים הזקוקים לישועה בשמם ושם אמם, ואמר לי 'הרי אני צריך לכוין עליהם ולזכרם לטובה', וזה היה עיקר מה שהפריע לו בכל המצב הקשה שעבר עליו שאינו יכול להעלות על לבו תמיד שמות המקושרים אליו המצפים לישועה.

- מרגלא בפומיה של רבינו, כי האמונה של האדם, היא הכלי לקבל את כל ההשפעות טובות, ואילו בלי אמונה אין שום צדיק יכול לפעול ישועה בעבורו.

- מעשה אירע באחד ממתפללי בית מדרשו של רבינו [הלה לא היה חסיד סטיטשין, רק היה דר בשכנות], שהיה ל"ע חשוך בנים, וכבר עברו עליו שנים רבות מאז נישואיו ועדיין לא נפקד בזש"ק. אחר תקופה שהתפלל בביהמ"ד של רבינו, נכנס פעם אחת עם 'קוויטל' לרבינו להזכיר עצמו לדבר ישועה ורחמים. שאל אותו רבינו כמה שנים כבר עברו מאז נישואיו, ענה האיש כי כבר עברו למעלה מעשרים שנה. אמר לו רבינו כי אל לו להתייאש מן הרחמים, שהרי הוא עצמו נושע בבתו היחידה הרבנית מרת חנה'לע ע"ה אחר למעלה מעשרים שנה מנישואיו. ושאל אותו רבינו אם הוא מאמין שעדיין יכול השי"ת להושיעו, וענה הן, ואז ברכו רבינו בפקודת ישועה ורחמים. אחר תקופת זמן נושע הלה בבן זכר באופן מופלא, והיה רבינו הסנדק בברית המילה. ואמר רבינו על כך כי אין זה כלל ה'מופת' שלו, אלא הנס אירע בזכות אמונתו האיתנה של יהודי זה.

- פעם אחת אירע, אשר אשתו של אחד מאנשי שלומו, קיבלה ל"ע התקף של מחלת ה'נערווין' (חולי העצבים) באמצע ליל הסדר, והמצב היה בלתי נסבל. הלך בעלה באמצע עריכת הסדר לביתו של רבינו ותינה לפניו צרתו, נתן לו רבינו קצת משיירי הד' כוסות שלו לתת בפיה, חזר החסיד לביתו ונתן את היין בפיה ותיכף ומיד שקטה ונרגעה ושבה רוחה אליה, ויהי לפלא.

- לפעמים היה רבינו מייעץ דברים שנראו בעין בשר חסרי הגיון והיפך מדרך הטבע, ובכל זאת מי שהיה מציית אליו לא הפסיד, ואנשים ראו ישועות מופלאות ע"י עצותיו.

לאבי מורי ז"ל אירע פעם שהיה לו איזה משפט בענייני מסחרו, והזכיר את עצמו אצל רבינו לטובה ולברכה, ובתוך דבריו הזכיר כי צריך הוא לשכור עורך דין, אמר לו רבינו: "למה אתה צריך עורך דין? זה טוב גם כך". ולפי שלא הורה לו רבינו בפירוש שלא ישכור עורך דין רק אמר לו בלשון תימה למה הוא צריך, לכן שכר לעצמו עורך דין טוב, משום שהיה נראה לו כדבר שהוא לגמרי חוסר הגיון, לגשת למשפט ללא עורך דין.

אבל בהגיעו ביום המיועד לבית המשפט, ראה אבי כי העורך דין התאחר בדרכו. ניגש אבי אל השופט וביקש ממנו שלא יתחילו במשפטו עד שהעורך דין יגיע, אבל השופט לא הסכים להמתין ומיד התחיל במשפטו, וערכו את כל הטענות לכאן ולכאן, וכל הזמן ניסה אבי לומר כי אין הוא יודע מה לענות, כי אין לו העורך דין. אבל השופט הגיב כמה פעמים ואמר לו "למה אתה צריך עורך דין? זה טוב גם כך" [כדברי רבינו ממש], ואכן למעשה ניצח אבי בכל המשפט בלי שיצטרך כלל אל העורך דין, ויהי לפלא.

- הרה"ח רבי לייבוש מענדלאוויטש ז"ל הסתבך פעם אחת בענין מסחרו וביקש מרבינו ברכה על זה, ורבינו בירכו באמרו: "אל תירא מפחד פתאום", והוא אכן ניצל מכל הצרה. תקופה מה אחר כך הסתבך אחד מחבריו של ר' לייבוש ג"כ באותו צרה ממש, שלח אותו ר' לייבוש אל רבינו, וגם אליו אמר רבינו כהאי לישנא: "אל תירא מפחד פתאום", אמר ר' לייבוש לידידו: "אויב ער האט אייך געזאגט אל תירא מפחד פתאום, האט איר זיך נישט וואס צו זארגען" (אם הוא אמר לך "אל תירא מפחד פתאום", אין לכם מה לדאוג), וכך הוה.

- פעם אחת בליל יו"ט שני של חג הסוכות, התחיל רבינו פתאום לשוחח עם משמשו בקודש הרה"ח ר' יהושע העשיל מאנדל שליט"א אודות החסיד ר' שמואל פעפער ז"ל [מלאנדאן יצ"ו], באומרו כי הנה יש מדובר בפוסקים אם מותר לסלסל הפיאות בשבת, והוסיף רבינו שראה איך ר' שמואל פעפער שהוא "חסידישער איד" מסלסל את פיאותיו בשבת, התפלא ר' העשיל עד מאד, מה זאת שרבינו נזכר בדבר זה כעת? ומה זה נוגע עכשיו פתאום? ומה לו לדרוש במנהגיו של ר' שמואל?

כשסח ר' העשיל את תמיהתו לפני חותנו הרה"ח הישיש ר' יוסף [יאָשֶׁע] ליפשיץ ז"ל, והוא היה בקי בשותא דרבנן, מאחר שעוד זכה לשמש אצל כ"ק רבינו הזקן זי"ע, והיה 'מבין' על דרכי רבותינו הק'. מיד הגיב ר' יאשע ואמר: 'וכי אינך מבין? רבינו רצה עכשיו להזכיר את ר' שמואל לטובה, ותו לא מידי'! ואכן אחר יו"ט נודע כי באותו זמן בלאנדאן עבר ר' שמואל 'התקף לב' ר"ל, והתברר כי רבינו הרגיש כי הוא צריך לרחמים, ובדברו אודותיו העלה זכרונו לטובה.

<<< המשך מעמ' הקודם

פאלגן!". דאס הייסט, מען האט געמוזט האבן א געוואלדיגע 'אמונה פשוטה' צו פאלגן די עצות, ווייל מיטן פשוט'ן שכל האט דאס ממש נישט געקלעבט איינס מיטן אנדערן. פון וואו קומט דאס אזא זאך אז מען גיבט יענעם אן עצה 'היפוך השכל'?! פון רוח הקודש! דאס איז א העכערער רוח הקודש'דיגער כח, וואס מען קען דאס נישט מסביר זיין. דעריבער איז דאס געווען פון די גרויסע עבודות ביי די גרויסע צדיקים בעלי רוח הקודש.

**א גדול'ס אן עצה קומט פון א טיפע געפיל**

אפילו אין דער וועלט פון 'גדולים' האט מען געזען א באזונדערע יגיעה ווען מען האט זיי געפרעגט אן עצה. על פי רוב זענען זייערע עצות געווען מער מסתבר'דיג און לאגיש - דאך האבן זיי אויך גענוצט איידעלערע כוחות אויף צו געבן אן עצה. **זיי האבן נישט בלויז דורכגעטראכט די זאך מיטן פשוט'ן שכל ווי א בעל הבית טראכט, נאר זיי האבן גענוצט גאר איידעלע הרגשים בנפש צו שפירן און אויפכאפן וואספארא עצה יענעם צו זאגן.** דאס זענען באזונדערע כללים וואס מנהיגים האבן, וואס זיי האבן א געוויסן הרגש צו שפירן וועלכע עצה איז די ריכטיגע עצה פאר יענעם - וואס אסאך מאל איז עס אויך געווען אינגאנצן אנדערש ווי א פשוט'ער 'דעת בעל הבית' וואלט גע'עצה'ט.

**די אנשטרענגונג פונעם גדול צו צוטרעפן דער ריכטיגער עצה**

מען האט אמאל געפרעגט דעם חזון איש אן עצה אויף א געוויסע סארט סיטואציע. האט ער געפרעגט: "עס איז ממש שוין נוגע?", האט מען אים געזאגט: "ניין! עס איז נאכנישט ממש נוגע, נאר מען וויל וויסן אויף שפעטער - טאמער עס וועט זיך מאכן אזא סארט מצב!". האט דער חזון איש געזאגט: "עטץ ווייסט וויפיל יגיעה און כוחות איך לייג אוועק ווען איך דארף געבן אן עצה? טאמער איז עס נישט יעצט נוגע - צו וואס דארף מען פרעגן? טאמער עס וועט נוגע זיין וועט מען מיר דעמאלט פרעגן!". דער פשט איז, אז **דער 'גדול' פלאגט זיך און שטרענגט זיך אָן אויפצוכאפן עפעס אן איידעלע 'נטיה בלב' וואס ער שפירט אז עס ציהט אים מער צו דער זייט,** וואס מען קען דאס נישט מסביר זיין געהעריג, עס האט פארשידענע כללים וואס די 'בעלי עצה' ווייסן וויאזוי מען גיבט די ריכטיגע עצה. דעריבער איז דאס זייער שווער און עס שאקלט זיך נישט ארויס פון ארבל.

**אז מען פרעגט דעת תורה - פירט מען זיך תורה'דיג און דערהויבן**

על כל פנים די עצה וואס מען פרעגט פון אן אדם גדול איז זייער מסוגל אז עס זאל העלפן און ווירקן אויף דאס וואס מען דארף. אבער מען דארף טאקע וויסן אז אויב מען האט געפרעגט דעם צדיק אדער דעם גדול איז עס נישט קיין הבטחה! עס מיינט נישט צו זאגן, אז טאמער מען טוט די עצה איז 'הונדערט פראצענט' אז ער וועט מצליח זיין אין דעם היניזיכט, עס קען גאר זיין אז מען וועט נישט מצליח זיין. אבער מען דארף וויסן אז אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט און מען האט געטון די ריכטיגע זאך, ווייל מען איז געגאנגען מיט דעת תורה, אבער על פי רוב וועט מען טאקע זען די הצלחה בפועל ממש.

ישר 718.484.2189



**מערכת השיעורים**
בארה"ב: **718.536.2347**
בארה"ק: **072-3323310**

**כל הזכויות שמורות**
למכון תולדות יהודה סטיטשין
**אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת**

**לקבל הגליון מדי שבוע במייל,**
**לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:**
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 718.438.0032 #3